בית חינוך לבנות בית פיגא ברסלב

**פרשת אמור**

**י״ט אייר תשפ״א**

**יאר 1 גליון 23**

# א גריס פון בית פיגא

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - שרי הערצאג



איך האב נישט געקענט קומען אין סקול פאר א פאר טעג ווייל איך האב מיך זייער נישט גוט געפילט, איך האב זייער אסאך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל מיך שוין גוט פילן, און ש'כח אייבערשטער אז איך פיל מיך שוין גוט!

### ערשטע קלאס - מלכי פורסט



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך וויל וואוינען אין שטעטל, און ש'כח אייבערשטער אז אונז גייען אי״ה מופן!

### צווייטע קלאס - דבורי לעווי



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שוין ענדיגן תהלים, און ש'כח אייבערשטער אז איך גיי שוין כמעט ענדיגן!

### פערדע קלאס - חני לעווי



איך האב געזען ווי א מיידל האט א טוי, און איך האב עס זייער שטארק געוואלט האבן, אנשטאטס צו מוטשענען מיין מאמע פאר עס האב איך געבעטן די אייבערשטער, און איך האב געטראפן די זעלבע טוי אין מיין הויז, ש'כח אייבערשטער!

### עלטסטע קלאס - פייגע'לע יאקאבאוויטש



מיין ציין וואס האט זיך געשאקלט האט זייער שטארק וויי געטון און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך ארויסהיילן, און ש'כח אייבערשטער אז עס איז שוין ארויסגעפאלן!

### בית פיגא ליבערטי - עטי וועבערמאן



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען שיינע קליידער און שיך פאר זייער בילig, און ש'כח אייבערשטער אז עס איז אנגעקומען צו מיין הויז שיינע קליידער, און שיך!

## נייעס אין בית פיגא

אלע מיידלעך בענטשן אזוי שיין מיט יעדן טאג, אין א בענטשער, הויך און קלאר, און מען באקומט אזוי סאך טיקעטס! ווען א מיידל האט צוועלף טיקעטס קען זי אליין אויסקלויבן פון די גרויסע שאכטל קענדיס, וועלכע קענדי זי וויל. די וואך האט מען געקויפט נייע קענדיס, ווייל אלע מיידלעך בענטשן אזוי שיין מיט, אז אלע קענדיס האבן זיך שוין אויסגעניצט. מוהרא״ש זי״ע פלעגט זאגן, 'ווען מען בענטש ערליך אין א בענטשער, ווערט מען רייך'. ב״ה אלע מיידלעך בענטשן אזוי שיין און ערליך!

פרי 1 עי האט די וואך געמאכט א סיום אויף נאך א חלק אין זייער עברי ספר! די טיטשער האט געברענגט א גוטע נאש פאר די גאנצע קלאס. זיי וועלן זיך שוין יעצט זיך אנהייבן צו אויסלערנען ווי אזוי צו ליינען עכטע ווערטער!

שטעטל סקול איז אזוי פרייליך אז דריי זייער וואוילע דרך ארץ'דיגע מיידלעך, חי צירל, מלכי, און חני פורסט קומען וואוינען אין שטעטל! מיר זענען אזוי פרייליך אז זיי זענען געקומען צו שטעטל סקול. אלע מיידלעך פון בית פיגא וויליאמסבורג ווען זיך אזוי שטארק בענקען צו זיי!

### מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

**שרי און רייצי הערצאג**

צו זייער נייע אינגל בעיבי!

**פערעלע רייך**

צו די נייע מיידל בעיבי!

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך,

יום ג׳ פרשת שמות, י״ז טבת, שנת תש״פ לפרט קטן

... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

יישר כח פאר אלע שיינע ליב ווערטער; איך פריי זיך זייער צו הערן אלעס וואס דו שרייבסט פון סקול, אז אלע מיידלעך פירן זיך אויף שיין איינער מיט׳ן צווייטן, מען טשעפעט זיך נישט און מען איז פרייליך.

איך וויל דיר בעטן שיינערהייט אז דו זאלסט גיין אנגעטון איידל; עס פאסט נישט פאר א תלמידה פון ׳בית פיגא׳ צו גיין אנגעטון וכו׳. א ׳בית פיגא׳ תלמידה דארף זיין זייער איידל, רעדן איידל, גיין אנגעטון איידל און זיך אויפפירן איידל. ווייל אלע קוקן אויף די ׳בית פיגא׳ תלמידות, אלע ווילן זען וואס איז דאס ׳בית פיגא׳, וואס איז דאס ברסלב.

איך פארשטיי אז דו האסט נישט ליב די איידעלע וועג, דו האסט ענדערש ליב צו גיין אנגעטון פראסט, אבער מיט תפילה וועסטו באקומען א נייע ווילן, א נייע גייסט. בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג די קליינע תפילה:

״הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל גיין אנגעטון אזוי ווי דו ווילסט; איך וויל טון דיין ווילן, איך וויל האבן די ברכה פון גוטע קינדער, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, ווער עס גייט אנגעטון איידל וועט האבן ערליכע קינדער.

הייליגער באשעפער, איך פאר מיר האב ליב צו גיין אנגעטון מער פראסט, איך האב ליב קורץ, אויסגעשניטן, קלעבעדיג און שרייעדיג וכו׳ וכו׳, איך האב נישט ליב איידל, איך וויל אבער זיין גוט, איך וויל טון דיין ווילן, איך וויל זיין הייליג; לייג אריין אין מיר א הייליגקייט, א ריינקייט איך זאל ציען צו גוטס, איך זאל וועלן זיין ערליך״.

אז דו וועסט יעדן טאג בעטן די תפילה וועט דער אייבערשטער דיר העלפן עס וועט אריין גיין אין דיר א גוטער מלאך, ״כי מלאכיו יצוה לך״, דער מלאך וועט דיר שלעפן צו גוטע קליידער געשעפטן, ״לשמרך בכל דרכך״, דער מלאך וועט דיר באגלייטן און דיר היטן.

לייג אוועק די בריוו; זאג די תפילה יעדן טאג ביז דו וועסט שפירן אז די תפילה איז שוין נישט פאר דיר, דו וועסט שוין נישט קענען זאגן די ווערטער: ״איך האב ליב קורץ, אויסגעשניטן, קלעבעדיג און שרייעדיג וכו׳ וכו׳״.

יואל רוטה

# א מעשה פון א צדיקת

*אין קורצן פון פריער: רבי עקיבא האט געהערט ווי רחל זאגט אז זי וויל ער זאל לערנען פאר נאך צוועלף יאר, איז ער צוריקגעפארן אין ישיבה לערנען.*

נאך צוועלף יאר איז רבי עקיבא צוריקגעקומען צום צווייטע מאל, ער איז שוין יעצט געווען א גרויסע רבי, מיט 24,000 תלמידים! די גאנצע שטאט איז ארויסגעגאנגען באגריסן די גרויסע תנא, און אלע האבן זיך געשטופט צו קענען כאפן א בליק.

ווען רחל האט געהערט אז איר מאן איז שוין ענדליך צוריקגעקומען, איז זי אויך ארויסגעגאנגען צווישן די טויזנטער מענטשן, און זיך פרובירט דורך צו שטופן. די תלמידים האבן איר געוואלט אוועקשיקן, ווייל זיי האבן נישט פארשטאנען וואס א פרוי זוכט דא צווישן אלע מענער. אבער ווען רבי עקיבא האט איר געזען האט ער זיך אנגערופן, "שטופטס איר נישט אוועק, **ווייל מיין תורה און אנקער תורה איז אלעס נאר אין איר זכות."**

רבי עקיבא האט ארויסגענומען א הערליכע מתנה, א גאלדענע קרוין, וואס אויף דעם איז געווען אויסגעקריצט די שטאט ירושלים.




ווען כלבא שבוע האט געהערט אז די גרויסע תנא רבי עקיבא איז געקומען צו זיין שטאט, איז ער געגאנגען צו אים מיט א שווערע שאלה: ער האט געמאכט א נדר אז ער וועט גארנישט געבן פון זיין פארמעגן פאר זיין טאכטער, און ער וויל זיך יעצט מתיר נדר זיין. רבי עקיבא האט אים דערקענט אז דאס איז זיין שווער, אבער כלבא שבוע האט נישט דערקענט זיין געוועזענע פאסטוך רבי עקיבא, און ר' עקיבא האט אים געפרעגט, "אויב דו וואלסט דעמאלטס געוואוסט אז דיין איידעם וועט נאך ווערן א גרויסער תלמיד חכם, וואלסטו געמאכט די נדר?" האט ער געענטפערט אז ניין, האט אים רבי עקיבא געזאגט, "דעמאלטס איז די נדר בטל, ווייל איך בין דיין איידעם, דיין פאסטוך עקיבא, און אין זכות פון דיין טאכטער רחל בין איך געווארן אזא גרויסע תלמיד חכם!"

קוקטס מיידלעך צו וואס די צדיקת רחל האט זוכה געווען, בזכות דעם וואס זי האט זיך מוסר נפש געווען און מחזק געווען איר מאן אויף א קלוגע וועג צו לערנען תורה איר מאן איז געווארן די הייליגע תנא רבי עקיבא וואס דורך אים האט זיך ווייטער פארשפרייט תורה איבער די וועלט. ער איז געווען די רבי פון די הייליגע תנא ר' שמעון בר יוחאי וואס זיין יארצייט איז יעצט געווען ל"ג בעומר. ער האט אראפגעברענגט אזא ליכטיגקייט אויף די וועלט, און אויף אים ווערט געזאגט אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן דורך אים!

# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... חוי'

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי שטארק איך האב הנאה אז דו ביסט אין אונזער קלאס, דיין שמייכל מאכט לעבעדיג אונזער קלאס! אלע מיידלעך האבן אזוי ליב דיין קאמפעני און דיין גוטע נאטור.

זאלסט וויסן אז די עיקר ביי א מיידל איז אירע גוטע מדות. ווען א מיידל האט גוטע מדות, זי איז פריילעך, גייט אנגעטאן צניעות'דיג, טוט חסד מיט אנדערע, און איז מכבד איר מאמע און טאטע, דאס הייסט א גוטע מיידל. עס איז א מחי' צו זען ווי דו הערסט אויס וואס מען לערנט מיט אזוי פיל חשק, און דו געבסט אזוי שיין צו מיט דיינע מעשיות פון תפילה און גוטע ענטפערס!

וואס דו דארפסט, בעט דעם אייבערשטער, ווייל ער האט דיך זייער ליב, און ער הערט דיך אויס. האלט ווייטער אן צו געבן גוטע ווערטער פאר אנדערע מיידלעך, דו האסט א טאלאנט צו קענען מאכן א מיידל פילן ווי א מיליאן דאלער מיט א גוט ווארט!

יעצט קומט אריין א נייע מיידל אין אונזער קלאס. זעה אז זי זאל זיך פילן באקוועם, דו קענסט פארשטיין אביסל וויאזוי עס פילט אריינצוקומען אין א נייע פלאץ. איך בין זיכער דו וועסט טון וואס דו קענסט איר צו אריינעמען אין די שמועס און אין די שפילן.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט אייביג זיין פריילעך און האבן א גוטע לעבן!

מיט ליבשאפט,

## RECIPE

### KIDDIE PEANUT CHEWS



**16 oz marshmallow fluff**

**18 oz crunchy peanut butter**

**3 cups rice crisps**

**Place all ingredients in large bowl. Using a spoon mix well to combine. Form into ½” balls. Yield 40 balls.**

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!

## ספר המדות ווינקל

### אות בושה

**ט. תְּצַיֵּר לְפָנֶיךָ אוֹתִיּוֹת אֱמוּנָה, וּבָזֶה לֹא יָבוֹא עָלֶיךָ שׁוּם בּוּשָׁה.**

האב אינזין די אותיות פון א'מ'ו'נ'ה' וועסטו נישט ווערן פארשעמט.

**יג. עַל-יְדֵי צְדָקָה לְשֵׁם שָׁמַיִם תָּבֹא לְמִדַּת בּוּשָׁה.**

דורך צדקה וואס מען געבט לשם שמים באקומט מען די מדה פון בושה.




**א גוט שבת!**



זמן שבת: 7:36

זמן מוצש"ק: 9:05

**קוואל פון חיזוק**

גוטע מידות...

הערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א

212-444-9169

2,3,3,111